**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער זיך צו באשיצן פון 'וועסט נייעל' ווירוס און אנדערע מאסקיטא-פארשפרייטע קראנקהייטן שטייענדיג בעפאר סוף וואך פון לעיבאר דעי

***ניו יארקער געמוטיגט צו נעמען באשיצונג מאסנאמען צו פארמיידן מאסקיטא שטאכן***

***צוואנציג 'וועסט נייעל' פעלער באריכטעט דאס יאר אריבער די סטעיט***

***'איסטערן איקוויין ענסעפילייטיס' פעסטגעשטעלט אין פערדן אין מערערע ניו יארק סטעיט קאונטיס***

[***זעהט גאווערנער האקול'ס מעסעדזש פאר ניו יארקער***]

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דערמאנט ניו יארקער צו אונטערנעמען באשיצונג מאסנאמען צו פארמיידן מאסקיטא שטאכן און זיך באשיצן קעגן קראנקהייטן ווי די 'וועסט נייעל' (מערב נילוס) ווירוס און 'איסטערן איקוויין ענסעפליטייס' (מזרח פערדן מוח אנטצינדונג). די גאווערנער האט אויך ארויסגעלייגט א ווידעאו אויף סאָושעל מידיע מיט נאך זיכערהייט טיפס און זי האט געמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן פארשפרייטן די ידיעה דעריבער. [זעהט די פולע ווידעאו] דא.

"מיר ווילן אז מענטשן זאלן ארויסגיין אינדרויסן דעם לעיבאר דעי סוף וואך און געניסן פון די שיינקייט פון ניו יארק סטעיט, אבער מיר ווילן אז זיי זאלן דאס טוהן זיכערערהייט, אינזין האבנדיג זייער געזונטהייט דורכן אונטערנעמען די נויטיגע שריט זיך צו באשיצן פון מאסקיטן וועלכע טראגן מיט זיך קראנקהייטן ווי די 'וועסט נייעל' ווירוס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארמיידונג פארבלייבט די מערסטע ווירקזאמע באשיצונג מיטל פון ווערן אויסגעשטעלט צו מאסקיטא-פארשפרייטע קראנקהייטן, און עס קען זיין אזוי איינפאך ווי באשיצן אייער אומבאדעקטע הויט מיט קליידונג און ארויפלייגן מאסקיטא-פארטרייבנדע מאטעריאלן."

עס זענען יעצט דא 10 באריכטעטע מענטשליכע פעלער פון די 'וועסט נייעל' ווירוס (West Nile virus, WNV) אינדרויסן פון ניו יארק סיטי לויט די [ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט]. עס זענען אויך דא 10 באריכטעטע מענטשליכע פעלער אין ניו יארק סיטי לויט די [ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע וואוילזיין].

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "כאטש מאסקיטא שטאכן ווערן אפט אנגעקוקט ווי איינס פון די קליינע שטערן פון דאס לעבן, זעהען מיר דאס יאר מער מאסקיטן וואס טעסטן פאזיטיוו [פאר קראנקהייטן] ווי געוועגטליך. ארויפלייגן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן, אוועקנעמען שטייעדיגע וואסער און אנטוהן פאסיגע קליידונג רעדוצירט די סכנה. מאסקיטן וועלן זיך געפונען אין אונזערע קאמיוניטיס ביז כאטש די ענדע פון סעפטעמבער, און

דערפאר איז דאס וויכטיג צו זיין אויפמערקזאם איבער וויאזוי מיר קענען זיך באשיצן ביים פארברענגען צייט אינדרויסן."

די "וועסט נייעל" ווירוס, אן אינפעקציע וואס פאראורזאכט ערנסטע קראנקהייטן, און אין טייל פעלער טויט, גייט אריבער צו מענטשן און צו עטליכע חיות דורך די שטאך פון אן אינפעקטירטע מאסקיטא. נישט אלע מאסקיטן טראגן אין זיך WNV, וואס די ערשטע מאל וואס עס איז געפונען געווארן אין ניו יארק סטעיט איז געווען אין 1999. זינט 2020 זענען 115 מענטשליכע פעלער פון WNV און אכט טויטפעלער באריכטעט געווארן אין ניו יארק סטעיט, נישט אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי.

רוב מענטשן וואס ווערן אנגעשטעקט מיט WNV באקומען נישט קיינע סימנים אדער סימפטאמען. אויב קראנקהייט אנטוויקלט זיך, קומען סימפטאמען געווענטליך ארויס דריי ביז 15 טעג נאך די שטאך פון אן אינפעקטירטע מאסקיטא. מענטשן מיט מילדע פעלער פון WNV קענען באקומען פיבער, א קאפווייט, ווייטאגן אין די קערפער און צומאל אן אויסשלאג אויף די הויט אדער אויפגעשוואלענע דריזן. מענטשן מיט ערנסטע פעלער פון WNV קענען באקומען א פלוצלינדיגע קאפווייט, הויכע פיבער, שטייפע האלז, שוואכקייט אין די מוסקלען, ווערן צומישט אדער אומאריענטירט, ציטערדיגע הענט און איברים, זיך שאקלען/ווארפן און/אדער ווערן פאראליזירט, און אין טייל פעלער קען ערנסטע WNV פירן צו טויט.

'איסטערן איקוויין ענסעפעלייטיס' (Eastern equine encephalitis, EEE) איז א מער זעלטענע, אבער גאר ערנסטע, ווירוס קראנקהייט פארשפרייט דורך מאסקיטן וואס קען אפעקטירן מענטשן און פערדן. 14 פערדן האבן געטעסט פאזיטיוו אין ניו יארק סטעיט דעם זומער, אבער עס זענען [דערוויל נישט באריכטעט געווארן קיינע מענטשליכע פעלער אין ניו יארק סטעיט].

מענטשן פון יעדע עלטער זענען אויסגעשטעלט צו אינפעקציע, אבער מענטשן העכער 50 און אונטער 15 זענען אין די גרעסטע סכנה פון באקומען שווערע סימפטאמען. אין די צייט וואס רוב מענטשן וואס ווערן געשטאכן דורך אן אינפעקטירטע מאסקיטא וועלן נישט באקומען סיי וועלכע סימפטאמען, קענען ערנסטע פעלער זיך אנהויבן מיט א פלוצלינגדיגע קאפווייט, הויכע פיבער, טשילס און ברעכן. די קראנקהייט קען ווייטער גיין צו ווערן אומאריענטירט, סיזשערס, ענסעפעלייטיס (מוח אנטצינדונג) און א קאומע. אומגעפער א דריטל פון פאציענטן וואס באקומען EEE שטארבן דערפון, אין די צייט וואס פילע פאציענטן וואס לעבן איבער EEE ליידן פון שאדן צו די מוח.

עס איז נישטא א וואקסין ברייט צו באקומען פאר מענטשן קעגן EEE אדער WNV, און די בעסטע שוץ מיטל איז זיך צו פארמיידן פון געשטאכן ווערן דורך א מאסקיטא.

די פאלגנדע שוץ מאסנאמען זענען שטארק רעקאמענדירט צו רעדוצירן די סכנה פון אינפעקציע מיט WNV און EEE:

- טראגט לאנגע ארבל ווען איר זענט אינדרויסן, באזונדערס פארנאכט אדער פארטאגס — די צייטן אין די טאג ווען מאסקיטן זענען די מערסטע אקטיוו.
- נוצט אן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל וואס אנטהאלט DEET, picaridin אדער IR3535, און לייגט עס העכער סאַנסקרין. מער אינפארמאציע איבער אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן קען געפונען ווערן [דא]. מאכט זיכער צו אויספאלגן די אנווייזונגען אויף די לעיבעל פון די אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל. קינדער זאלן נישט דירעקט האנדלען מיט אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאלן. אנשטאט דעם זאלן ערוואקסענע ארויפלייגן אינזעקטן-אפשלאגנדע מאטעריאל אויף זייערע אייגענע הענט קודם און עס דאן איידעלערהייט ארויפשמירן אויף די קינד'ס אומבאדעקטע הויט. האלט זיך צוריק פון עס גראד ארויפלייגן אויף די קינד'ס הענט. נאכן צוריק אריינגיין

אינעווייניג, וואשט אפ אייער קינד'ס הויט און קליידונג וואו די מאטעריאל איז ארויפגעלייגט געווארן נוצנדיג זייף און וואסער אדער גיבט א באדע פארן קינד. שטוב חיות קענען באשיצט ווערן מיט באַג ספרעי וואס איז ספעציעל געמאכט פאר חיות.

- מאכט זיכער אז עס זענען דא סקרינס אויף די פענסטערס און טירן פון היימער. מאכט זיכער אז די סקרינס האבן נישט קיינע ריסן אדער לעכער.
- ליידיגט אויס וואסער פון עמערס און אנדערע האלטערס, שווים-באסיין צודעקן, קעראמישע טעפ און וועגענער.
- ליידיגט אויס אויפגעבלאזענע שווים באסיינען ווען זיי זענען נישט אין באנוץ.
- שטאפט אויף קראנען לעכער און רעגן וואסער אפלויף רערן צו לאזן וואסער אראפרינען.
- טוישט די וואסער אין פויגל באדעס אין די גארטן יעדן טאג.

רייזנדע האבן א פאטענציאלע סכנה פון כאפן קראנקהייטן ווי דענגעי פיבער און מאלאריע. עס איז יעצט דא א העכערע סכנה פון פארשפרייטונג פון די דענגעי פיבער ווירוס אין די פאראייניגטע שטאטן.

דענגעי פיבער איז א קראנקהייט וואס ווערט פאראורזאכט דורך די שטאך פון א מאסקיטא וואס איז אינפעקטירט מיט איינס פון פיר ספעציפישע סארטן דענגעי ווירוסן. דענגעי קען פאראורזאכן הויכע פיבער, א שווערע קאפווי, ווייטאג פון הונטער די אויגן, ווייטאג אין די געלענקען (דזשוינטס) און ווייטאג אין די מוסקלען. די מאסקיטן וואס טראגן די קראנקהייט געפונען זיך בעיקר אין טראפישע ראיאנען, און דערפאר קענען רייזנדע וואס קומען אן צו די פאראייניגטע שטאטן מעגליך האבן דענגעי פיבער. כאטש רוב פעלער וואס געשעהען אין די פאראייניגטע שטאטן קומען פונעם פארן צו ראיאנען וואו דענגעי געשעהט אפט, נאכאלץ געשעהען לאקאלע אויסברוכן פון דענגעי ווירוס פארשפרייטונג פון צייט צו צייט, באזונדערס אין דרום שטאטן.

מאלאריע איז אן ערנסטע און צומאל פאטאלע קראנקהייט וואס ווערט פאראורזאכט דורך די שטאך פון א מאסקיטא וואס איז אינפעקטירט מיט איינס פון פיר סארטן מאלאריע בלוט פאראזיטן. אינפעקטירטע נקבה מאסקיטן זענען פאראנטווארטליך פאר די פארשפרייטונג פון מענטשליכע קראנקהייט. אין די פאראייניגטע שטאטן געשעהען רוב אינפעקציעס אלס רעזולטאט פון פארן צו אויסלענדישע לענדער, אבער לאקאלע פארשפרייטונג איז שוין געשעהן אין די פארגאנגענהייט — באזונדערס אין סטעיטס ווי פלארידע און טעקסאס. אין ניו יארק סטעיט קומען כמעט אלע פעלער פון מאלאריע פון אויסלענדישע רייזעס, אבער זעלטענע פעלער פון לאקאלע פארשפרייטונג פון מאלאריע זענען געשעהן אין לאנג איילענד און ניו יארק סיטי.

כאטש עס ווערט נישט בעיקר פארשפרייט דורך די שטאך פון מאסקיטן, איז די 'אָראָופּאש' (Oropouche) ווירוס אויך א זארג צווישן רייזנדע וואס קערן זיך צוריק קיין ניו יארק פון די קאריביען, צענטראל אמעריקע און דרום אמעריקע. עס ווערט פארשפרייט דורך די שטאך פון געוויסע קליינע פליגן, און עס קען פאראורזאכן פיבער, קאפווי, טשילס און ווייטאג אין די מוסקלען און געלענקען (דזשוינטס). עס ווערט אפט פארמישט מיט דענגעי פיבער. אזוי ווי די 'וועסט נייעל' ווירוס, קען עס אין טייל פעלער פאראורזאכן מוח סימפטאמען. עס זענען דא זארגן אז אָראָופּאש אינפעקציע אין טראגעדיגע פרויען קען פירן צו נעגאטיווע תוצאות ארום דאס זיין טראגעדיג.
ניו יארקער וואס פארן צו- און קערן זיך צוריק פון- ראיאנען וואו דענגעי פיבער, מאלאריע און אָראָופּאש געפונען זיך זאלן זיך באשיצן פון אינזעקט שטאכן נוצנדיג די זעלבע פארמיידונג מאסנאמען וואס זענען רעקאמענדירט זיך צו באשיצן קעגן WNV און EEE.

מער אינפארמאציע איבער די 'וועסט נייעל' ווירוס קען געפונען ווערן דא.

מער אינפארמאציע איבער 'איסטערן איקוויין ענסעפעלייטיס' קען געפונען ווערן דא.

מער אינפארמאציע איבער דענגעי פיבער קען געפונען ווערן דא.

מער אינפארמאציע איבער מאלאריע קען געפונען ווערן דא.

מער אינפארמאציע איבער 'אָראָופּאָש' קען געפונען ווערן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן